א. ש. יורים

# אונזער פֿילם־חלוץ

(צו דער פילם־אויפֿירונג פֿון „עודד הנודד")

איך זאָג: דער ערשטער נסיון, — הגם ס'איז באמת'דיק נישט די סאַמע ע־שטע קרעאַציע אין לאַנד. ווי יעדע עקאָנאָמישע און קולטורעלע ניי־שאַפֿונג אין לאַנד, מוז אויך דער אויסדרוקס־צווייג דורכמאַכן זיינע חבלי לידה. ס'זענען באַוווסט די פֿילמען, וועלכע די נאַציאָנאַלע פֿינאַנץ־אַנשטאַלטן האָבן פּראָדוצירט לשם פּראָפּאַגאַנדע. זיי זענען נישט געווען קיין פּאַרענדיקטע גאַנצקייטן, נאָך מער אָפּגעריסענע בילדער און בילדלעך פֿון נאַטור און מענטשן, פּייזאַזשן און פֿראַגמענטן. זיי האָבן געהאַט מער אַ געאָגראַפֿיש־עטנאָגראַפֿישע באַדייטונג. ס'האָט אין זיי געפֿעלט קאָנטינואיטעט פֿון דער אַקציע און די גאַנצקייט פֿון דער פֿאָרם, — און פֿאַר אַלעמען אַ קינסטלערישער פּאַרנעם און מענטשלעכע אומיטלבאַרקייט. זיי זענען געווען דרשות אין בילדער, גוט פֿאַר אַגיטאַציע־לעקציעס. מיט ליכט־דעמאָנסטראַציעס בשעת חדות הקמפּיינים. קיין דויער־ווערט האָבן זיי נישט געקאָנט האָבן, הגם איך וויל אויף אַ האָר נישט מינדערן זייער היסטאָרישע באַדייטונג אַלס פֿרע־עקספּערימענטן. אין זיין צייט האָבן זיי געהאַט אויך זייער פּראָפּאַגאַנדע־ווערט.

היינט האָט זיך זייער ווירקונג אויסגע-
וועפּט. ס'איז זיך נאָר צו וווּנדערן, וואָס אַזאַ
פּון איין זייט אַזוי קינסטלערישער, פּון דער אַנ-
דער זייט אַזוי קאָמערציעלער צווייג פון אונזער
קולטור-לעבן האָט נאָך נישט געפונען זיין תּיקון
— און זיינע מענטשן. זייער שווער און שטאַרק
פאַרשפּעטיקט שלאָגט זיך דורך אונזער איניציאַ-
טיוו אויף דעם געביט. אַזאַ אומשטערשטעליקייט
איז שווער צו באַגרייפן גראָד אין אַ לאַנד, וואָס
איז דאָס געבוירנסטע „האָליוווד" נישט נאָר פאַר
יידישע פילמען, נאָר פאַר פילמען בכלל. אויף אַ
קליינעם געאָגראַפישן שטח האָבן זיך צונויפגע-
זאַמלט אַלע קלימאַטישע זיינען מיט זייער פאַר-
שידנאַרטיגסטער פאונא און פלאָרא און אין משך
פון דעם זעלבן טאָג קאָן מען מיט אַ אויטא
דורכקרייזן און דורכקווערן דאָס לאַנד פון ים
ביז מדבר, און פון די אייביקע שנייען אויף
חרמון ביז צו דער טיפסטער דעפּרעסיע פון דעם
ברעגנעדיקן באַק-אויוון אַרום דעם ים-המלח. און
דערצו אַ לאַנד, אין וועלכן ס'האָבן זיך צונויפ-
געטראָפן אַלע תּקופות און אַלע רעליגיעס פון
מענטשלעכער ציוויליזאַציע. און אחרון אחרון —
אַ לאַנד פון דער טויזנט-יאָריקער יידישער גע-

שיכטע. ווו קאָן מען געפינען אַזאַ לאַנד, וואָס
זאָל צושטעלן אַזאַ נאַטירלעכע נאַטור — און גע-
שיכטע-דעקאָראַציע ווי ארץ-ישראל — דער וועלט-
קאָסמאָס אין מיניאַטור: מענטשהייט-געשיכטע
און וועלט-געאָגראַפיע אין איין צייט און אויף
איין רוים ?!

ס׳איז קלאָר, אַז אונזער פילם-קונסט מוז
זיין אַ נאַציאָנאַלע, אַ נאַציאָנאַלע אין דעם זין
פון יידישן אינהאַלט. מיט סתם אַלגעמיינע קאָס-
מאָפּאָליטישע פילמען וועלן מיר שווערלעך קאָנען
קאָנקורירן אויף דעם אַזוי קאָנקורענץ-פולן וועלט-
פילם-מאַרק. מיר קאָנען נאָר קאָנקורירן מיט דעם, וואָס
איז אין דער וועלט נישט פאַראַנען דערווייל פון אינ-
האַלטס-שטאַנדפּונקט. ווייל אַ לאַנגע צייט נאָך
וועלן מיר געוויס זיין הינטערשטעליק אויף דעם
„טעכנישן" געביט — און געוויס אויך „קינסטלע-
רישן". אונזערע פילם „סטאַרס" דאַרפן ערשט
געבוירן אָדער ערצויגן ווערן. מיר קאָנען נאָר
דעמאָלט זיך עראָבערן אַ פּלאַץ אונטער דער
פילם-זון, ווען מיר וועלן עפּעס נייעס באַשאַפן.
און דאָס עפּעס נייעס — איז אָט דאָס נייע
לעבן, וואָס מיר שאַפן. און ווייל עס איז לעבן
און ניי, איז עס אָריגינעל און אינטערעסאַנט
פאַרן ייד ווי נישט-ייד. מיר האָבן שוין באַוויזן
צו באַשאַפן אַ געוויסע סומע פון סאָציאָלאָגישע

דער תנ"ך פון דער יידישער געשיכטע – און טוריסט איז אַ פיינער גראָטעסקער איינפאַל
פון יידישן לאַנד. אַ בונטפארביקער קאַליידאָס-אָבער קאָן נישט זיין קיין זינאָ. אלז זינאָ
און קילטורעלע ווערטן, אַז מיר נויטיקן זיך נישט
מער אין „פילם" און „פילמירונג" לשם פראָפּאַ-
גאַנדע, דאָס הייסט, אַז מיר נויטיקן זיך נישט
אין טענדענץ-פילמען. פאַרקערט, טענדענץ-פיל-
מען זענען לאַנגווייליק און איינדרוקסלאָז. אונ-
זער לעבן איז גענוג רייך אין העראָאישע מאָ-
טיוון און מענטשלעכע ראַנגלענישן און פּיאָנע-
רישן אויפשטורעם-גייסט, אַז דער קינסטלערישער
אויסדרוק זיינער, אין וועלכער פאָרם עס זאָל
זיך נישט אויסגיסן, אין פאָרם פון ליד צי עסיי,
דראַמע צי פילם, טאַנץ צי מוזיק – אויב נאָר
די פאָרם וועט זיין עכט און נאַטירלעך און נאַ-
טירלעך קינסטלעריש, וועט עס געוויס אויסאיבן
דעם שטאַרקסטן און טיפסטן און דויערנדסטן
איינדרוק. דערמיט וויל איך נישט באַשרענקן
אונזער פילם-קונסט נאָר אויף דער קעגנוואַרט.
ס'ליגט פאַר איר אָפן אַ פּיראַמידאַלער היסטאָרי-
שער מאַטעריאַל פון דער שאַפונג פון דער וועלט
ביז צו דער שאַפונג פון דער לעצטער קאָלאָניע,

קאַפּ פון א קין אין הבל-געראַנגל דורך אַ חש-
מונאים-העראיקא ארום מודיעין ביז צו דער תל-
חי-טראַגעדיע – אָדער וואסער–פרייד-דראַמע אין
יבניאל און באר-טוביה. אַ אומענדלעכער ים פאַר
דאָס שעפערישע אויג און גייסט.

אַט דער ניצוץ איז געווען אין דעם פילם „עודד הנודד". ער האָט אין זיך געהאַט אַלע „נעגאַטיוון" פון אַ טעכניש־קאָמבינאַטאָרישן שטאַנדפּונקט, אַלע „פּאָזיטיוון" פון אַ אינהאַלט־קינסטלערישן. אומדערפאַרנקייט אין דער פאָרם, יוגנטלעכער טעמפּעראַמענט אין אינהאַלט. און ווייל ס׳איז אַזאַ יינגער צווייג אויף אַ יינגן בוים, גלוסט זיך נישט דאָס מאָל צוטרעטן מיט דעם אכזרישן אנאליטישן קריטיק־מעסער. סוף כל סוף מוז אויך דער קונסט־צווייג דורכמאַכן ביי אונז זיינע קינדער־קראַנקהייטן, זיך אויס־„מאָזלען". זאָלן דערווייל דאָ געמאַכט ווערן נאָר אייניקע ראַנד־באַמערקונגען צו דעם רעזשי און שפּיל. יעדנפאַלס איז עס געווען אַ גוטע אידיי צו נעמען אַ אָריגינעלע ארץ־ישראלדיקע זאַך פון אַ „פּויער" און „סופר" און מאַכן דערפון דאָס ערשטע „דריי־בוך". צבי ליבערמאַן׳ס שרייב־מעטאָד איז פּשוט און קלאָר און אומיטלבאַר. ספּעציעל האָט ער זיך אַלס אויסגאַבע גענומען צו געבן אונז צאַפּלדיקע שטייגער־פראַגמענטן. איז אויך „עודד נודד", אַ שטיק פון אונזער ניי־לעבן אויף ניי־ערד. — און פון סאַמע נייסטן און לעבעדיקסטן — פון אונזער קינדער־ניי־וועלט. די

רעזשי האָט אַ סך צוגעגעבן און צוגעענדערט,
און מיט ערפאָלג. דער איינפאַל מיט דער פאפי-
רענער פלערערמויז, אַלע רעטינגס-מיטל איז אַ גאָר
געלונגענער פילם-טריק. נאָר אויף דריי רעזשי-
פעלערן מוז איך אָנווייזן, וועלכע לאָזן זיך לויט
מיין אויפפאַסונג נאָך אויסבעסערן. ערשטנס איז
עס גאָר נישט שיין, ווען אַ לערער הויבט זיך
אויף פון אַ ניי פלאַץ בשעת אַ עקסקורסיע און
ציילט נישט זאָפאָרט איבער די קינדער — וואָס
פאַר אַ לערער-בטלן איז עס ?! מ׳האָט געקאָנט
לייכט דאָס אַנדערש מאַכן: אין מיטן וועג וויל „עודד"
עפעס נאָטירן, די חברים שטערן אים, פאַרגייט
ער אין אַ זייט — און פאַרקלערט זיך און פאַר-
בלאָנדזשעט. אַ צווייטער פעלער: ס׳קאָן נישט
זיין און איז נישט מעגלעך, און נישט שיין, ממש
פחדניש, אַז ווען מ׳זוכט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע
קינד, זאָל דער פאָטער אַהיים גיין נאָך קוים
איין נישט דערפאָלגרייכן טאָג — און דער „לע-
רער" זאָל איבערקומען די עקספעדיציע, און
דריטנס — איז דער סוף נישט קיין סוף פון קי-
נאָ-שטאַנדפונקט. עפעס זעט מען נישט די פרייד
פון דעם היים-געקערטן „עודד". דאָס פאָטאָגראַ-
פירן פון דעם אייזל מצד דעם אַמעריקאַנער

טוריסט איז אַ פיינער גראָטעסקער איינפאַל פון יידישן לאַנד. א בּונטפאַרבּיקער קאליידאס-אָבער קאן נישט זיין קיין פינאל. אלס פינאל.

וואָלט געווען אָמבעסטן, ווען „עודד" באַגעגנט זיך צום סוף מיט זיין שוועסטערל, וואָס קלאַפּט מיט אַ העמערל און צעקושט זיך אָדער צעשפּילט זיך מיט איר, הגם דאָס שמעקט אי מ׳ט „קוש" אי מיט Happy Enp – איז עס ערשטנס קיין אומגליק און צווייטנס דאָס מאָל גואד אויפן פּלאַץ. אָבער ווי געזאָגט, ווענען דאָס נישט דאָס סאַמע עיקרדיקע. דער דעביוט פון חיים הלחמי אַלס רעזשיסאָר, ה׳ גאָלדין אַלס מאָלער און נ. אַקסעלראָד אַלס אָפּעראַטאָר איז געווען בכלל אַ גאָר געלונגען פּרווו.

דערפאַר אָבער זענען די לאַנדשאַפטן גע-
ווען זעלטן שיינע: די סביבה אַרום נהלל, די
בערג פון נצרת און ירושלים. און דער שפּיל
אַ גאַר גוטער, צומאָל אפילו אַ אויסגעצייכנטער.
אַרויסגעשיילט האָבן זיך פּינקעלע און אַ שמאָן
אַלס פּאַטער-מוטער; גנעסין איז געווען אַ קלאַסי-
שער אַמעריקאַנער טוריסט און באַשאַפן אַ פיינע
גראָטעסקע: כורגעל אַלס לערער איז צומאָל גע-
ווען צו האַמלעטיש-דאַנטאַניש, דערין איז געווען
שולדיק די נאָך נישט ערפאַרענע „דריי-מעכאַ-
ניק", ווי אין אַ סך איבעריקע „שאַטנס" און צו
ווייניק „ליכט". אַ-ער אויסגעצייכנט די קינדער.
און אַזוי ווי ס'איז אַ קינדער-שטיק, זענען זיי
דאָך די וויכטיקסטע שוישפּילער. קינדער זענען
דאָך געבוירענע שוישפּילער, זיי דאַרפן נאָר קינ-
דער זיין און „זיך שפּילן", דאָן „שפּילן" זיי — און
אַזוי ווי „זיך שפּילן" קאָנען זיי אויסגעצייכנט, שפּילן
זיי טאַקע אויסגעצייכנט, ווייל נאַטירלעך, ווייל
„שפּיל" און „נאַטור" איז ביי קינדער אידענטיש:
די הויפּטראָל איז אויסגעפאַלן אויף שמעון פּאָוו-
זנער אַלס „עודד". די נעבן-ראָלן אויף משה טאַ-
וויד און מיכאל קלינגער — און דאָס קליינינקע
האַרציקע מיידעלע דינקה ליבערמאַן. דער קינ-
דער-שפּיל האָט זיך טיף איינגעקריצט אין אונ-
זער זכרון און האָט צומאָל ביז טרערן
גערירט. דאָס „פאָלק" פון קינדער האָט זיין
אויפגאַבע פול און גאַנץ אויסגעפולט.

די גענעראל-פראבע פון „עודר הנודד"
איז געווען א גענעראל-פראבע פון ארץ ישראל-
דיקן פילם (ווען מיר וועלן אפזען פון אגודת״ם
„יומן" — טאג-נייעס פאר די קינאס) מיר האבן
פאר זיך געזען א שטיק פון אונזער ניי-לעבן
און א שטיק פון אונזער ניי-לאנד — נאטירלעך
און לעבעדיק, און געזען ביז טיף דערש טערט.
ס'איז דאס בעסטע פראפאגאנדע ווערק פאר אונ-
זער רענעסאנס-באוועגונג. און ווייל ס'איז אזוי
מענטשלעך דער אינהאלט, איז עס פארשטענד-
לעך אזוי גוט פאר ייד ווי נישט-ייד. אלע אונ-
זערע הארציגסטע ברכות אונזער פילם חלוץ
„עורד הנודד" אויף זיינע וואנדערונגען אין לאנד
און אויסלאנד.

"דאס פרייע ווארט", חמישי במאי 1933, ע' 3

---

"דאס פרייע ווארט", שני בפברואר 1933, ע' 6

שבת, דעם 3-טן פעברואר א זייגער 8
אוונט פינקטלעך וועט פארקומען אין דער צ. ס.
ארגאניזאציע „חירות ועבודה" יאגיעלאנסקא 24
א פרעסע איבערזוכט דורך ח' מגר. דוד
פרענקל.
זונטיק, דעם 4-טן פעברואר ה. י. ארדנעט
איין די ארג. „חרות ועבודה" א חברישן-אוונט.
אין פראגראם: א ארץ-ישראל-פילם, רעציטאציעס,
געזאנג א. א. וו.
דער אוונט הייבט זיך אן א זייגער 6.30.